NYC Buildings

# ארבעטער אלערט
## פארזיכערטע געביידע-דרויסן ארבעט

## <u>דערמאנונג:</u> פירט דורך געביידע-דרויסן ארבעט אויף א זיכערן אופן צו פארמיידן טויט אדער ערנסטע שעדיגונג

**געביידע-דרויסן ארבעט אדורכגעפירט אויף סקעפהאלדינג קען זיין עקסטרעם געפארפול און עס מוז שטענדיג גענומען ווערן די נויטיגע מאסנאמען צו פארמיידן טויט אדער ערנסטע שעדיגונג. זייט 2015 זענען געווען פיר (4) פאטאליטעטן און 61 שעדיגונגען אלס רעזולטאט פון געביידע-דרויסן ארבעט וואס איז נישט אדורכגעפירט געווארן אויף א זיכערן אופן - און אלע וואלטן געקענט פולקאם פארמיטן ווערן.**

פאלגט אויס די אנווייזונגען דא אונטן כדי צו העלפן פארזיכערן אז איר קערט זיך צוריק צו אייער פאמיליע זיכערערהייט נאך אייער שיפט:

### קענט זיך אויס מיט אייערע געצייגן: ווערט טרענירט איידער איר טרעט ארויף אויף א סקעפאלד.



ארבעט נישט אויף, אדער פון, א סקעפהאלד אויסער אויב איר האט גענומען סקעפאלד זיכערהייט טרענירונג. ארבעטן אויף **געשטיצטע סקעפהאלדינג פארלאנגט א מינומים פון פיר שעה פון טרענירונג,** און ארבעטן אויף **סוספענדירטע סקעפהאלדינג פארלאנגט א מינימום פון זעכצן שעה פון טרענירונג.** דער טרענירונג מוז ווערן איבערגעפרישט יעדע פיר יאר. טרעפט א קורס פראווײדער.

### מיידט אויס די פאלגנדע ארבעטס צושטאנד: גייט אנגעטון מיט פאל-באשיצונג.



אייער ארבעטסגעבער ווערט פארלאנגט אייך צוצושטעלן פאל-באשיצונג ביים ארבעטן אויף א געשטיצטע סקעפאלד אן קיין אנהאלטער דערויף, אדער סיי ווען איר ארבעט אויף אן אדשזאסטאבל סוספענדירטע סקעפאלד. **אנהאבן א שטריק איז נישט גענוג!** איר מוזט **זיין צוגעבינדן צו א פארזיכערטע לעבנסליניע** כדי עס זאל קענען ארבעטן.

אייער ארבעטסגעבער ווערט פארלאנגט אייך צוצושטעלן די נויטיגע פערזענליכע באשיצונג געצייג פאר די אויפגאבע וואס איר פירט דורך, וואס נעמט אריין א שטריק און א וועג זיך צו צובינדן. רופט 311 צו לאזן וויסן פארן אפטיילונג פון געביידע (Department of Buildings, DOB) אין פאל אייער ארבעטסגעבער שטעלט אייך נישט צו קיין פארזיכערטע ארבעטס אומגעבונג.

### לויזע/געשעדיגטע פאראפעט: נוצט עקסטרעמע פארזיכטיגקייט ביים אוועקפירן קאפינג שטיינער.




רוקט נישט אוועק קיין קאפינג שטיינער אדער סיי וועלכע שטיינער וואס ווערן גענוצט צו אנהאלטן פריי-שטייענדע ווענט אויסער אויב אייער סופערווייזער הייסט אייך.

## זיכערע סיקווענסינג פון ארבעט ראטעוועט לעבנס.

פאראפעטן ווענט זאלן ווערן צעווארפן פון די קאפינג אראפ. צעווארפט נישט קיין איינצלנע ציגל אדער מעיסאנרי בלאקס, וויבאלד די איבערגעבליבענע ווייטס זענען אין געפאר פון ווערן לויז. מאכט זיכער אז איבערגעבליבענע פאראפעט ווענט וואס זענען זייט-ביי-זייט מיט צעווארפונג ווערן נישט לויז.

## קוקט אויב עס זענען דא סיי וועלכע לויזע מאטעריאל.

מאכט זאפארט אויפמערקזאם אייער סופערווייזער אויב איר באמערקט א פאראפעט, קארניס, קוימען, אדער סיי וועלכע אנדערע ציגל ארבעט וואס איז לויז אדער קוקט אויס ווי עס קען אראפפאלן פונעם געביידע. מאכט זיכער אז די שטריק האלטער זענען ריכטיג געאנקערט.

## באפעסטיגט די טאראס די ריכטיגע וועג.

מאכט זיכער אז איר **לאנט נישט אן קיין שום זאכן א שטייגער ווי דעברי זעקלעך אדער בוי מאטריאל אויף דעם פאראפעט וואנט**. טאראס און אנדערע צייטווייליגע וועטער באשיצונג מוזן ווערן באפעסטיגט ביי די ענדע פונעם ארבעט שיפט כדי אז זיי זאלן נישט בטעות ווערן לויז אדער אויפגעבינדן.

## סטענד-אף ברעקעטס זענען געפארפול און פארבאטן.

ארבעט נישט אויף קיין סוספענדירטע סקעפאלד וואס האט א סטענד-אף ברעקעט. זעט **BB 2019-006** פאר מער אינפארמאציע איבער סטענד-אף ברעקעטס.

